דער

# שידוך אן שדכנים

מאת אמ״ד.

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ב לפ״ק

**ДЕРЪ ШИДУХЪ ОНЪ ШАДХОНИМЪ**

т. е. Бракъ безъ помощи сватовъ

Соч. А. М. Дика.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

1871.



איס אין גראדע געזעסן דער שדכן אנראבער אונ אהויכער אונ האט אזו ווייט פאר שטעלט די שיין דאש מען האט ניט געטראפן צום טיר „איי נא„ האט זיך איינער פון דיא געסטע אפ גירופן ווארום צוא דארפט איר ניט דיא ריכטעוואנע עס מאכט גור וואשה אין שטוב? אונ ווען מיינט איר עס, האט זיך גראדע דער שדכן אפ גירופן; קוים האט זיך יענער אפ גירופן: איך מיין עס נור איך! דען איר זייט איצונד ניט מעהר אלס איינע ריכטעוואנע נאך דעם וויא עס ווערט פארטיג דער בנין וואש פאר שטעלט נור דיא שיין; האט מען אים ארויש גישלעפט פון אונטערן טיש אונ ארויש געיאגט מיט אשאלענדען גילעכטער דורך דיא טיר :

1/68277A

## דער שדוך אין שדכנים ·

אמאל האבין מיר אידען זייער שטארק געליטען פון אונזערע קינדער דאש הייסט אלס מיר זיינען נאך גיגאנגען געקליידעט אידעש · דען זיא פלעגין אונז באמריגין מיט זייערע גינארשע שטריימעלאך · הימלען · רעגאפקעס · אונ האלבע לבנות וואש זיא פלעגין זיא צו צו שרייבין · אונ אריין שטעלין אין זייא גראהע ציגענע האר · אונ אפט נאך גימאכט פון גיפארבטע יונגע פיקסלעך אונ פלעגין עש צוא פאר קויפין פאר עכטע סויבעלנע פאר שווערעס געלט · אונ ווען מען האט פאר קויפט שוין איינע עכטע סויבעלנע שטריימעלע האבין זייא עש גילאזט באלד דורך זייערע קלויזנערשע גנבים °) צוא ריק אפ גאנווענען · דער צוא האבין זייא נאך גישפילט אצו גרוישע ראלע אין שטאט · דען זייא ווארין דער צוא נאך סוחרים · אונ האבין אזו אין זיך פאר אייניגט דיא פעלערין פון דיאביידע קלאסין · דאש הייסט פון האנדעלס ליים · אונ פון בעלי מלאכות · שטאלץ אונ טריגעריש וויא דיא ערסטע · אונ העבעט אונווישענד פראסט אונ גראבע שנאפסער וויא דיא צווייטע ·

נון גאט לויב דורך דעם אוקאז פון דיא קליידער אונ וועקסלונג · זייגען מיר פון זייא לויז גיווארין · דען איצונר קענען

---

°) אין יענער צייט ווארין פאר שיידענע גנבים · למשל פערד גנבים אפארט · פון וועגין אראפ נעמען ווידער אפארט · אונ אזו איך ווארין באזונדערע ספרים גנבים · טלתים גנבים : שטריימעלך גנבים · נאך האט קיין מענטש אין זיינעם לעבין פאר גיצט

אשטריימעלע

Дозволено Цензурою 7 Іюля 1871 г. Вильна.

זייא אונז מער ניט וויא נארין אין אקאזיראק׃ זייא קענען אונז אן געבין אטאקטורענעם פאר אלעדערנעם :

אויך האבין מיר אמאל זייער שטארק געליטען פון בעלי עגלות · פלעגין אונז פאקין אין דיא בריקעם וויא געננז אין אשטייג אדער וויא הערינג אין אפאס · אונ פלעגין אונז זייער אפט לאזין ארוים שפאצירען פון דער בריקע אונ אונטער צוא גיין מאנכע ווייארסטין צוא פוס · נון לויב גאט זיינען מיר פון זייא אויך פטור גיווארין דורך דעם איזענבאהן · אונ האבין צוא ליב דעם גאר פאר געסין וואש הייסט עש אשלעכטע וועג ;

נאך מער האבין מיר אמאל געליטען זייער פיל פון רייזענדע ליגנרי דאש הייסט פון שנארער וואש פלעגין צוא דער ציילין גרויסע נסים אונ נפלאות פון ווייטע שטעט · נאך מער האבין מיר געליטין פון שדכנים וואש פלעגין צוא זאמען ברייגען אוואנט מיט אוואנט דורך זייערע שקרים · אין זייער ריידין שידוכים פון ווייטע שטעט · וייל דאן ווארין ווייטע שטעט גאנץ פרעמד איינע פון די אנדערע דאש עש וואר גאנץ שווער צוא דער גיין איינע ריכטיקייט · דען עש וואר גאנץ זעלטין דאש יעדער צד זאל האבין אין דר אנדערער שטאט איינען באקאנטין ביי וועמען זיך נאך צוא פרעגין אויף דעם אנדערין צד · אונ פלעגין זיך אזו מוזין פאר לאזין אויף דיא שדכנים אונ האבין גיגלויבט זייא אין דיא גוזמות שבחים וואש זייא פלעגין מגזם צוא זיין · אונ וויא מיר האבין בקבלה דאש עש גלויבט

---

אשטרייטעלע · בפרט נאך אמייערע · דען סוף שטרייטעלע וואר איטער לגנבה · אונ אין יענער צייט וואש מען האט זייער שטארק גיגלויבט אין איבער נאטירליכע זאכין פלעגט מען צוא מיינען דאש פון אשטריימיל ווערט לסוף אשארף שטיין · וייל מען האט ניט גיוואוסט וואו דיא שטריימיל קומט אהין אונ ווידער וויא קומט אשארף שטיין אין שטוב דען מען פלעגט עש קיין מאל צו קויפין מן הסתם ווערט דאש לעצטע פון דער ערסטע :



גלויבט זיך זייער לייכט צוא וואש גאר דער רצון איז נוטה · לאזט זיך גלויבין אין שידוכים זאבין אם לייכטעסטין · דען צוא וואש האט נאך דער מענטש אזוא אשטארקין רצון ווי צו אשידוך · נון פלעגט ארויש צו קומען דער פון כמה וכמה קלקולים °) אונ דיזעם וואר אויך דיא וואהרע אורזאכע פון דער גרויסע בהלה וואש וואר אין דעם יאהר 1832 וואש האט אום גליקליך גימאכט דיא אידעשע נאציאן :

נון לויב גאט זיינען מיר שוין פון זייערע שקרים אויך אויש גילייזט גיווארין דורך דיא טעלעגראפין · אונ אויך דורך דיא איזענבאהנען · דיא שנארער האבין אויף גיהערט צוא דער ציילין נסים

---

°) מיט איאר זעכציג צו ריק האט איין וואלקעוויסקער גביר ניט ווייט פון זעלווע וואש האט גיהאט אבת יחידה איין שיינעם מיידכען גיטאן מיט אגביר פון פאלען · חתן כלה האבין זיך פאר הער ניט גזעהן · אונ אזו אויך די מחותנים עש וואר נור גאר גגלויבט דיא שדכנים · אונ אמענטשין וואש דער וואלקעוויסקער האט אהין גישיקט צו פאר הערין דעם חתן אונ וואש האט זייער שטארק ארין גינומען אין לייב · דיא חתונה וואר אויף מיטין וועג אין אקרעטשמע · אונ דיא חופה וואר גישטעלט אין אשטורעמדיגע נאכט גאנץ שפעט · אקארסט וואש דער חתן איז ארויס פון וואגין שוין אן גיטאן אין אשטריימעלע פון לאנגע אנאנקעס אונ אין אקיטעל · אונ האט דיא כלה מקדש גיוועזן זייער געשווינד וייל ער אונ דיא כלה ווארין פאר חאלעשטע פון פאסטין · אונ ערסט צוא די גילדענע יחוד האט מען זיך ארום גיזעהן דאש דער חתן איז אן אנאז · נו קען מען זיך זייער לייכט פאר שטעלין וואש פאר אסומאטאכע עס איז דארטין גיווארין · עס וואר בהלה אויף מארגין אגט · אונ אלם מען האט גיפרעגט דעם חתנס פאטער וויא האט ער גימיינט דאש עש וועט זיין דערבט אן אנאז ? האט ער גיענטפערט „אבי איך האב אויש גיפירט דאש מיין זון האט שוין אטלית״ :

נסים ונפלאות · אונ דיא שדכנים האבין שוין אויף גיהערט צוא זאגין ליגן · ווייל וואונדער געשיכטען אונ גוזמות · מוזין אויף געוויזין ווערין אלץ אויף ווייטע ערטער וויא אונזערע חכמים זאגין (הרוצה לשקר ירחיק עדותו) אונ דורך דיזע נייע צוויא מיטלען אבער דאש הייסט דורך דעם טעלעגראף אונ דורך דיא איזענבאהן האט שוין אויף גיהערט נאר ווייטע ערטער : ארץ ישראל וואש דיא פרומע שנארער קומענדיק פון דארטין פלעגין אונז דער ציילין הרים וגבעות איז שוין אונז נאהענט וויא אונזערע פאר שטעט · אונ דיא אינזלען פון מעבר לים וואש דיא טריגערישע רייזענדע פלעגין אונז דער ציילין פון זייא אזעלכע ענינים וואש פלעגט זיך שטעלין דיא האר קאפויער הערענדיק ; ליגען אונז שוין פאר דיא אויגן אויף דיא קארטין מיט אירע ריכטיגע באשרייבונג וואש זיינען ערשט גידרוקט :

א ! הלואי וואלטין מיר שוין אזוא פטור ווערין פון דעם קצעוועשין גלות וואש ווערט גיווים באם ער ווערט זיך נאך ארעכטין משה האלטין פאר טרייבין דיא ווייבער . אונ דיא דינסטען פון דעם נייעם דור אין קיילערשע יאטקעס · דען זייא קומען אפ דארטין דיער פיל · עש ווערט פון זייא (פון דיא קצבים) קיינע אידעשע פרויא גישוינט · מען זידעלט · מען שילט · מען ווארפט אביין אין געזיכט · דער צוא איז נאך עפעס מיט דער וואג אויך ניט אזוא ריכטיג · פון דיזעם גלות קענען מיר אנדערש ניט לויז קומן וויא נור דורך דעם וואש מען ווערט מבטל זיין די קאראבקע :

נאר ניט דאש בין איך אויסגען ; מיר זייגען דא פאר קראכין גאר אין אנדערע ענינים · איך האב מיך דא פאר רעט נאר צוא ליב דיא צייט וואש דיא שדכנים האבין נאך גיהאט דיא שליטה אויש צוא פירען שידוכים מיט הוילע כזבים דאש הייסט בעפאר עס וואר נאך איזענבאהן · טעלעגראפין אונ שידוכים זייגען גיווארין גיטאן ביי אונז אידען נאר אויף טרייע אונ גלויבין · ווייל אויף

דיזע



דיזע צייט גהערט זיך אונזערע געשיכטע וואש מיר ווערין דא באלד דער ציילין : :

אין איינע געוויסע שטאט אין וואליניען וואש איר נאמען דער חארער מוז דא פאר שווייגן ווערין ווייל דיא געשיכטע איז וואר אונ ריכטיג · אונ דיא העלדין °) פון דיזער געשיכטע לעבין נאך פיללייכט נאך קען דורך דעם זייער נאמען ליידין · אונ צוא ליב דער אורזאכע ווערין מיר דא זייערע אייגענע נעמען אויך אום בייטין אויף פרעמדע נעמען (פאלשע אדער אונריכטיגע נעמען) :

דיזע העלדען פון דיזער געשיכטע · דאש הייסט דיא הויפט פערזאנען פון וועלכע עס ווערט דא דער ציילט אונ געהאנדילט זיינען נור צוויא מיט · וועלכע מיר ווערין אן הייבין אונ איינע דריטע פערזאן וואש שפילט דא דיא הויפט ראלע ווערט אין מיטען אויף טרעטין · דיא ערסטע צוויא פערזאנען ווערין מיר בעגעגנען מיט איין נאמען וואש עש ווערט שוין זיין לייכטער צוא פאר שטיין וויא יעדערער באזונדער פון זייא האט גיהייסין :

נון צוא ריק צוא דעם אן פאנגען פון דיזער געשיכטע · אין איינער שטאט פון וואליניען האט גיוואוינט מיט איאר פערציג צוא ריק איין געוויסער בעל אכסנאי ר' לייבוש ריבצעס · נון פאר שטייט זיך שוין פון זעלבסט · דאש ער אליין האט גיהייסין נור ר' לייבוש · זיין ווייב אבער האט געהייסין ריבצע · אזו ווייסט דוא שוין מיינע לעזערין פון דיזעם איינציגין נאמען וויא דיזע ביידע האבין שוין געהייסען · פון דיזעם צוויא דייטין נאמען וואש עש ווערין אונטער אים פאר שטאנען צוויא פערזאנען מאן אונ ווייב איז דיר שוין לייכט צוא פאר שטיין דאש ווייל ער וואר גירופין נאר אויף איר נאמען דאש זיא וואר דיא עקרת הבית · אונ ער וואר נאר אלס דאראטעק (צוא לייג) דארטין אין דער ווירטשאפט · אונ דיזעם וואר

געוויס

°) דיא פערזאנען פון וועלכע עס ווערט איינע געשיכטע דער ציילט הייסין זייא דיא העלדין פון דיזער געשיכטע :

גערים דיא אור זאכע פון דיא אלטע אידעשע פאר צייט יגע פראזוויסקעס אויף דער ווייבס נאמען · אזו למשל ר' חיים גיטקע טויבעס · ר' אברהמעל רייצעס · ר' ישראל חסקעס אונ דאש גלייכן :

דיזער ר' לייבוס וואר אאיד איין אסאבא · אלמדן פון אשיינעם יחוס · זייער גוט אין מעמד אונ האט מעהר עוסק געוועזן אין לערנען אלס אין דער ווירטשאפט · דיא הויפט זיילע פון דער אכסנאי וואר נור זיינע פרויא דיא רבצע וואש וואר פיל אינגער פאר אים · ער וואר צוא דער צייט פון אונזער געשיכטע איאר זעכציג · זיא אבער נור איאר פערציג גאנץ געצימערט (גיבויט) אונ געשאפען צוא דיזעם געשעפט דאש הייסט צוא איינה אכסנאי · דען זיא וואר זייער שיין · גוט געוואקסען · גאנץ רונד אונ שלאנק (שטראניסטע) דער צוא זייער קלוג · אונ בעהנט אשיין מיילכעל מיט אנגעשליפענעם ציינגעל · בסך הכל אגוטער ארגאן (מאשינקע) אום אן צוא ציהען אין אכסנאי אורחים פון אלע קלאסין מענטשין · פון דער געלאנטע וועלט בוודאי אונ פון דער מאסקירטע וועלט דאש גלייכן · דען זיא האבין גיהאט דער ביא איינעם גוטין אויש רייד · דאש זיא פאר פארין אהין נאר צוא ליב דעם ר' לייבוס וואש איז אאיד אלמדן · מהדר במצוות · אונ עטליכע פרומע ציא ליב דעם וואש ווערט געהיט דארטין יושן · אונ צוא ליב דעם וואש עס איז דארטין דא אפילע שטוב מיט ספרים · נון איין לאזין אזעלכע זאכין צוא ליב דעם וואש דיא ווירטין איז אשיינע · דאש האט גאט אויך ניט גיבאטין · נון איז דער פון צוא מערקין דאש דער ר' לייבוס וויא אויך ער וואר נור דיא גיזאגט אבטלן האט ער דאך זיין ברויט פאר דינט אין שטוב · דען צו ליב אים איז געשטאנען רבצעס אכסנאי אין אהיילינגען גרוך אונ האבין גיהאט פרנסה איבערין האלפט · אונ זייען געווארין שטיין רייך :

נון אום איין צוא דרינגען טיפער אין דעם לעבין פון דיזער פאר פאלק דארפין מיר וויסין · דאש דיא רבצע וואר ביא אים דיא צווייטע פרויא : ער וואר אלט איאר פערציג · אלש ער האט איר

גינומען



גינומען · אונ זיא איזט איאר צוואנציג · אונ זיא איזט אריין צוא אים וויא מען זאגט מיט דער רעכטער פוס · דען ער וואר פריהער אויך אבעל אכסנאי אונ האט גיהאט גאנץ ווייניג פרנסה ווייל זיין ערסטע פרויא איז גיוועזן עלטער פאר אים דער צוא נאך העסליך אונ פינסטער וויא דיא נאכט · (אונ דאש זאל ער איין היטין מיט זיינער רעכטע האנט) פאר טרייבט אונ פאר שייכט אורחים פון איינער אכסניא וויא אצוצזעלא דיא פייגלעך פון ארבעס · אונ דאהער וואר שוין מיט רעכט צוא הופין איר עקרת הבית · אונ ווידער איז דער פון צוא לערנען דאש מיט אשיינעם געזיכט קומט מען דורך דיא וועלט פיל לייכטער אלס מיט לומדות אונ פרומקייט · דען זאגט האט ער דאך גידארפט האבין פרנסה פריער אויך · דיזע רבצע האט עס אפילו זייער גוט פאר שטאנען · אונ האט איז דאך ערליך גיהאלטין · ניט אזו אוים ליבע צוא אים · ניין זיא האט אים גיהאלטין פאר איין טויגעניכטס · האט אים אין גרונד פעראכטעט · פעראלאכט · אונ האט זיך גיהאלטין פאר אומגליקליך דאש זיא דארף פאר בריינגען איהרע מיטעלע יארין אין וועלכע זיא קאן נאך דיא פריידען פון דער וועלט געניסען מיט דער פולען מאס · דארף זיא פאר בריינגען מיט איינעם אלטין אפ גישוואכטין מאן · אונ האט געוואונצען אין הערצין אויש צו ביטין אים אויף איינעם איננגערין · דאך וואר זיא ביא דיזעם לעבעדיגען תאונג גאנץ פערשוויגען ואוים צווייא אורזאכען · ערסטענס קען עס איר שאדען צוא איר געשעפט · צווייטענס קען עס איר שאדין צו איינעם שידוך · דען זיא האט גוט פאר שטאנען דאש ער וועט שוין דא ניט פיל מישט אן מאכין · אזו מוז מען דעם נאמען היטין ביז דיא בייזע צייט ווערט פאר איבער גיין :

אונ איהר רעכענונג האט ניט פעל גישלאגין (דאש הייסט עס וואר ריכטיג אויש גירעכינט) דען דער ר' לייב איז אין זיינעם צווייא אונ זעכציגסטען יאר אהעק גישטארבין אן קינדער · אונ זיא איז גיבליבין ביא איינעם פארמעגין פון איינע טויזינט

דוקאטען

דוקאַטן און בייא ענגרוישע פרנסה) און נאך דער צוא בייא מיטעלע יאַרין · וואס מען קען נאך אין זייא אונטער פירין אמאן וואס איז אויך אין איר עלטער שיינע עטליכע שטאַצעס אויף דעם לעבעגס ווענ · בייא זיינעם טויט האט זיא געשפילט נאך דיא ראָלע פון איינע אונגליקליכע אלמנה · וואס האט פאַר לאָרין דיא רוין פון איר קאפ · און טרערין האט איר ניט געפעלט · דען וויינען און לאַכין וויא עס איז שוין לאנג באוואוסט איז בייא פרויען אן שטעקענד*) (דאס הייסט זייא נעמען זיך אן איינע פון דיא אַנדערע) האט גילאזט מאַכין נאך אים עטליכע הספדים בייא זיך אין שטוב · גימאַכט בייא זיך אמנין אום קדיש צו זאגין · האט זיך אן גיטאן טרויער נאך דער נייעסטע מאָדע · און דאס האט איר זייער גיקליידעט · דען וועלכע פארבע קליידעט ניט א שיינע פרויא · און בייא אַלעם דעם פלעגט זיא אויש צוא הערין אַלע טאג איינע האלבע דוצענט שדכנים אין איר געהיים צימער · און דאך וואר איר קיין שידוך צום הערצין · דאס וואר איר דער חתן צוא אַלט · צוא יונג · מיט קינדער · ווייניג געלט · ווייניג יחוס · ווייניג תורה · אונבאַן דיא צווייא לעצטע קען זיא זיך גאר ניט אַקער טאן וויא מיר האבין שוין פריער גישריבין : נון וואר זיא וויא צוא זאגין איין האַרטע נוס פאר דיא שדכנים צו קנאַקין :

קורץ דער פון מען האט איר איבער גירעט שידוכים גאר אן אשיעור און אן איין ערך · און עס וואר איר אַלץ ניט צום הערצין · דען באמת איז שווער צוא באַקומען אזו אמענטשין

וואס

---

*) אזו דער ציילט איינער דאס ער איז אמאל ערב יום כפור אריין אין אקליין בשמים קרעמיל און האט גיבעטין בייא דער קרעמערקע מיט אוויינענדיקען נגון „גיט מיר פאר אגראָסין פעפער" „פאר אגראַסין פעפער" האט זיא זיך אפ גירופין מיט אגעוויין און האט פאר גאַסין מיט טרערין דיא פאַפיר וואס זיא האט גיהאלטין אין האנד צוא מאַכין דער פון איין שקאַרמוץ :



וואס זאל אין זיך האבין אַלע דיזע מעלות וואס זיא ווינצט · און ווידער ניט האבין אין זיך ניט איינעם פון יענע חסרונות וואס דיא האט פיינט · און דער צוא נאך קיינע קינדער האבין · נון וואו קריגט מען עס אונטער אידין אמענטשין פון צווייא דרייא און פערציג יאר זאל עס ניט האבין · מען האט איר גירעט און גירעט און עס וואר אַלץ וויא אין ווינט גישפראָכין ביז דיא שדכנים האבין שוין אויף גיהערט צוא ריידין : און האבין איר גילאזט מיט איהר אַלטער ווערין · פילייכט וועט זיא בעסער ווערין · דען איהר אין פרויען לעבין אין דיזעם עלטער האט שוין פיל וואס צוא זאגין · זייער הארטע און שווערע טריט לאזין הינטער זיך אימער טיפע שפורען (סלאַדען) אויף דעם שענסטין געזיכט פון דיא געזינטעסטין נאַטורען · בייא מאַנכע בלייבט דער פון אקנייצעל אין שטערין · בייא איינער אַנדערע הייבט אן איין איינעל צוא טרערין · און זייער אפט קרימט זיך אויש דער פון דעם קין (דער מאַרע ביינדעל) · דער צוא נאך פעלט אציינדעל · דאך בייא איר האט דיא צייט אויך זייער ווייניג געווירקט · זיא איז ארוים פון דעם ערסטין יאר גאר אן אשום פעלער · פאר קערט נאך פיל שענער און איינער · און האט נאך אן גיהייבין אוים צוא טראַכטין פיל מעהר אלס פריער · האט אן גיהייבין צוא פאר גרעסערין דעם צאל פון איר פערמעגין און צוא פאר קלענערין דעם צאל פון איהרע יאַרין · און דאַן האבין דיא שדכנים איר גיזאגט אויף אימער אדיו · און האבין איר מיד צוא גימאַכט אויף אימער און אייביג :

נון דיא שדכנים האבין אויף גיהערט צוא גיין · דיא לוסט אבער צוא הייראַטהען איז דאך גיבליבין אין הערצין · און האט זיך ניט פאר הייראַטהעט נור אויש בלויזען שטאלץ · אדער אויש געלט אינטערעסע · נון וואר איר הערץ געפרעלט (צמאַרק גיקלעבט) · צווישין דיזע ביידע פאר קערטע ליידענשאַפטען ליבע און נייץ וויא איין גליהענדער אייזין צווישין אמבאַו (קאָוואַדלע)

אונ

אונ האמער אונ וואר, אזו מיט זיך זעלבסט אין צאנק · אונ האט זיך בעוועהגט (געביינקט) נאך איינעם באסערטין · בפרט נאך לעבענד אין איינער גרויסע אכסניא וואש קאכט פון אלער האנד מענטשין יונגע לייט פון דער גלאנטע וועלט וואש יעדער באזונדר צייגט זיך איר העכסט געפעליג אונ ווינצט זיך מאכין איר בעליבט · צוואר איזעלכע לידיגע ראמאנען ענדיגען זיך על פי רוב מיט ניכטס · דאך דאש בלוט ווערט דער ביי אויף ניקאכט · די עהרע אבער פיל מעהר אלס די טוגענד (פרומקייט) · אדער בעסער צוא זאגין דער הוילער שטאלץ נור צווינגט צוא צייגין זיך גאנץ אנדערש פאר דער וועלט אלס די הערצענס נייגונג · אונ עס ליידעט דער וויילע דורך דיזען געהייסען (סעקרעטנעם) הערצענס צאנק די געזונדהייט · דער האראקטער אונ אויך זייער אפט די עהרע זעלבסט ביי דעם גרעסטין בעהוטזאמקייט (אסטראזנאכט) דען ווי איין שפיגעל פאר לויפט דורך דעם מינדעסטין הויך · אזו פאר פלעקט זיך אויך די פארבליבע עהרע דורך דעם שוואכסטן פערדאכט · אדר אזו גאר דורך צילענדען ווינק (גלייך ווערטיל) · קורץ דער פון דאש בלייבין זיצין אן אמאן איז איר געווארין העכסט צוא לאסט · אונ האט אויש גיקוקט די אויגין נאך אבאסערטין · אונ דא איז שוין קיין שדכן אין די אויגין צוא זעהען :

נון מיינע פייערע לעזערין לאמיר אויף אווייל פאר לאזין אונזער אלמנה די ריבצען אונ וועלין ווארפין אקליינעם איבער בליק איבער דעם צוא שטאנד פון דער אכסניא נאך איר מאנס טויט ביז איצונד :

אין דיזעם משך פון בעהאהע צוויא יאר האט זיך די פרנסה פון דער אכסניא זייער פיל גיענדערט · דאך אבער צוא פיל מעהר, צוא איהרעם נוצען אלס צוא איהרעם שאדין · די אכסניא האט אפילו היל וויינג פון איהר היילינע גריך פאר לארין דאש מאנכע פרומע אורחים האבין איר אויש גמידען · קענין

דאש



דאש אבער האט זיא פיל מעהר גיוואונען פון דעם אנדערין צד · דען עס האבין אן גיהייבין צוא פאר קערין צוא איר מעהר פון דער גלאנטע וועלט · אונ אזו אויך פון דער מיטעלע וועלט וואש די ביידע ווייכין על פי רוב אויס די פרומע וועלט · דען עס ווילט זיך זייא ניט צוא זיין אונטער ווארפין צוא דאוונען אין איינער אכסניא מיט אמנין דווקא · אונ צו זיין גיצוואונגען נאך צוא טאן זייא (די פרומע) אין אנדערע ענינים · בפרט נאך דאש אנדערע אורחים דינגען איין נומער אויף דעם בעל אכסניעס הייצין אונ דאוונען · דער צוא גלאט ווי קערט מען עס ניט איין אין איינער אכסניא פון אשיינע אונ רייכע אלמנה · דער נאמען אליין איז שוין גינוג אנלאקענד (אן ציהענד) · אזו האבין זיך גיפונען דארט ביי איר זייער פיל געסט וואש פאר איר מאנס לעבין האבין זייא דיזע אכסניא אויס געוויכען ווי איין זינדער ווייכט אויס דעם אסטראג · אונ ביי אלעם דעם וואר זיא פאר שוינט פון דער מינדעסטע בעליידעגונג · ווייל זיא האט זיך אויף גיפירט זייער קלוג דאש איר נאמען איז גיבליבין ביי דעם פאריגען פאליטור :

אונטער די נייע געסטע וואש האבין אן גיהייבין צוא פאר קערין אין איר אכסניא נאך איר מאנס טויט וואר איין געוויסער קויפמאן פון מיטעלע יארין אשיינער אסאבא · מיט אשווארצין רונדען בארד מיט קלוגע קאבענדע אויגין · דער צוא נאך וואר ער רייך גיקליידעט מעהר אלט מאדעם אלס נייא מאדעם · אונ אזו וואר ער אויך אין זיינעם גאנצין באנעמען מער פרום אלס וועלטליך · ער זאל ביי אונז הייסין ר׳ שלמה אקער מאן · פון טעלז · אונ ווייל דיזער נאמען וואר איר צוא באקאנט · ווייל זיא האט גיזאלט ווערין אכלה מיט אזו איינעם וואש האט אזו גיהייסין בעפאר זיא האט נאך חתונה גיהאט מיט דעם ר׳ לייבוס · אונ עס איז ניט גיווארין נור דארום דאש איר פאטער איז דאן אפ גישטארבין · האט זיא אים שוין דאפיר אליין מער

אוואזעם

אוואזעט אלם אנדערע אורחים · בפרט נאך אלם ער האט איר אליין נאך דער מאנט דאש זיא האט גיזאלט ווערין זיינע אכלה אמאל · דען וואש איז נאך אינטרעסאנטער פאר איינער פרויא פון עטליכע אונ פערציג יאר אלם דיא ערינערונג פון איהר יונגפערשטאנד · אונ עס האט איר דער ביי זייער שטארק געפיקט אין הערצין פאר וואש עס איז דאן דער פון ניט גיווארין · זיא וואלט דאך נאך איצונד גיהאט אמאן פון לייטעשען שטאנד וואש איז נאך אין איהרע יארין · נון פאר שטייט זיך דאש זיא האט מיט דער גרעסטער נייעגיר נאך גיפרעגט ביי איהם וואש פאר אפרויא ער האט · זיא וואר אבער העכסט גיקריינקט אלם זיא האט פון איהם באקומען אשטעבענדען אנטווארט דאש ער האט אפרויא וואש האט ניט איר גלייכען נור אין איהרעם שפיגעל · דען זיא איז העכסט שיין · קלוג · גוט · אגרויסע ווירטין · אונ איז פון רייכע עלטערין · אונ ליבט איהר אונ זיא איהם גאר אן אברעג · דער צוא נאך האט ער דער לעבט מיט איר אפאר קינדערלאך וואש זייען זיין אויג פון קאפ · אונ היינט איז ער זייער תקיף אין מעמיד אונ איז גליקליך אין זיינע גישעפטין · אונ דאנקט גאט וואש ער האט איהם צוא געשיקט אזו אווייב: וואש איז דיא פריידע אונ דיא פערזיסערין פון זיינעם לעבין · אגב האט ער איר געוויזען אפאר צערטליכע בריף פון איר צוא איהם אין וועלכע עס וואר בעשילדערט מיט איינער ליבעם גלוט איהרע גרויסע וועהענווכט (בייענקונג) צוא איהם :

אזו מיינע טייערע לעזערין · דאש דוא איין מאל איין טהייל פון ווייבליכען גישלעכט ביזט · איז דיר שוין פיל לייכט צוא פאר שטיין וואש פאר שמערצליכע וואונדען האט גישלאגין אין איהרעם ווייבליכען הערצען דיזער גישפרעך · וואונדען וואש יעקען (בייסין) גאנץ ערבארעמליך דאש מען האט פיל מעהר לוסט זייא מעהר צו קראצען אונ צו צערפלייסען זייא אלם צו פערהיילען · דען זיא האט ניט אויסין גילאזין קיינע גילעגענהייט צו בעשפרעכען

זיך



זיך מיט איהם איבער זיינע פרויא · אונ ניט נאר מיט איהם זעלבסט אויך מיט דיינעם משרת · אין וועלכין זיא וואר פיל מעהר איין געטרויט אין דיזער זאכע אלם מיט זיינעם הערין · אונ וועלכער עס האט נאך פיל מעהר גילויבט זיין מאדאם פאר איר אלם זיין הער · אונ האט אגב דער ציילט וואש פאר איין פיינער מאן ער איז · אונ וואש פאר גרויסע גישעפטין ער האט · אונ דיזעם וואר ווירקליך נארוים צוא זעהען פון דעם גרויסין בריפוועקסעל (קראספאנדענץ) וואש ער האט גיהאט דיא גאנצע צווייא וואכין וואש ער איז איין גישטאנען ביי איר דאש ערסטע מאל · לבד דעם איז איר גיוועזען (גיפעלין זייער זיינע אנשולד (נאאיפעטעט) · זיין איידעלעם בענעמען זיך מיט זיינעם משרת · מיט די באדינער פון דער אכסניא ג׳ נאך מעהר זיין בעשפרעכין זיך מיט דיא איבעריגע אורחים באלד פון תורה זאכין · באלד פון וועלטליכע זאכין · אונ ער וואר איר אזו ליב אונ אזו גערין דאש זיא וואר פאר זונקען אין אטיפע מעלאנכאליע (טרויער) אלם ער איז פון איר אוועק גיפארין · אונ האט זיך נור געלאבט מיט זיינער פאר זיכערונג צוא זיין אין אפאר מאנאטין ווידר פארענדיק קיין באלטע :

אין אפאר חדשים איז ער ווידער אהין גיקומען · אונ איז אויף גינומען גיווארין פון איר זייער פריינדליך אונ זייער העפליך · אונ האט זיך אפ גישטעלט ביי איר אויף אגאנצין חודש · אין וועלכין ער פלעגט אפט אוועק צוא פארין אויף אפאר טעג אום איבער צוא נעמען סחורה זיינע וואש גייען קיין באלטע · דען עס וואר דאן דער וועג זייער שלעכט אונ אום זיכער פון בייגלע רעקרוטין · אונ פלעגט צוא קומען צוריק גאנץ דורך גינעצט אונ פאר פריצט אין קוים אונ אין לייע · אונ זיא פלעגט איהם צוא שטראפין וואש ער איז זיך אזו מוסר נפש אין זיין גישעפט אונ ווארום ער האלט קיינע מענטשין דער צו· "מען קען זיך אלץ אויף מענטשין ניט פאר לאזין" פלעגט ער איר צו ענטפערין איך האלט מענטשין אויך· מען מוז אבער זיין דער צו אליין אויך אמענטש ·

זאגט

ואנט גייט עס אלץ פאר קערט · אונ אלס איך האב אמאל צו ליב
גיטאן מיין ווייב אונ בין גיבליבין אין דער היים · האבין מיר דער
נאך ביידע הרטה גיהאט · דען מיין שאפער וואש איז גיגאנגען
מיט דיא סחורה האט זיך פאר זאמט אין וועג ביא דעם ווארקער :
ער וואר פון זיינע חסידים · אונ איז גיקומען קיין באלטע נאך
דעם יריד :

ביא אזעלכע היימליכע גישפרעכע · פלעגט ער צוא דער
ציילין פיל ביא זאכין פון וועלכע עס וואר צוא מערקין וואש
פאר אגרויסער גישעפטס מאן ער איז · וואש פאר אבעל נאמנות
ער איז · דאש אפאפיר זיינע איז פיל גאנגבאר (גילטיג) אלס איינע
סיגנאציע · אונ דאהער ליינט מען ביא אים אלע שלישות געלטין
איין · נון וואר איין מאל אין איינעם שטירמישען אוועגד אלס ער
איז מיט איר גיזעסין אונ מיט נאך אפאר הויז מענטשין ביא
אסאמאוואר אונ האט זיך מיט ווייאונטער האלטין (גישמועסט) וועגין
דיא דארטיגע גישעפטין · עס וואר איינע אונטער האלטונג וואש
וואר פיל ערענסטער (וואזנע) אלס דיא ביזהעריגע · אונ וואס עס
האט דער ווירטין אונ איהרע צוויא הויז לייטע פיל מעהר
אינטערעסירט אלס דעם ר׳ שלמה אקער מאן אליין · דען עס
וואר דיא רייד וועגין פאר אגרוישין סך סעריעס איין צוא בייטין
וואש דער ביא דארף פארדינט ווערין עפליכע צעהנדליג רובל ·
איז ארין דער משרת פון דער אכסניא אין צימער · אונ האט
גיזאגט צוא דיא ריבצע דאש ער ברויכט עפעס ביא איר צוא
פרעגין · זיא איז באלד אויף גישטאנען אונ איז מיט אים ארין
אין פאדער שטוב מיט געשפיצטע אויערין אום צוא הערין אום
וואש גילט עס דא דיא פראגע, הערט באלעבאשטע. האט ער זיך
אפ גירופין · דער פאצטעליאן האט איצונד גיבראכט אבריף אויף
דעם ר׳ שלמהס אדרעס מיט אשווארצע התימה · נון ווייס איך
ניט צוא זאל איך אים אליין אפ געבין · אונ באלד · אדער דורך
דעם שמראו : אונ פיליכט אין אפאר טעג ארום דען איך ווייס





דאש ער האט נייטיג אזעק צוא פארין אויף אפאר טעג · מיר
ציטערין דיא הענד פון שרעק :

דיא רבצע האט זיך דער ביא אויך ניט ווייניג דער
שראקין : דען זיא וואר אים ווירקליך גוט : דאך האט זיך באלד
פארזאמעט (בעזאנען) - לאז עס דער, ווייליע איבער נאכט געדולד
זיין. האט זיא צוא אים גיזאגט · לאז אים רוהיג זיין נאך ביז טאג ·
דען וואש קען מער זיין אלס קדיש זאגין : דען מהסתם איז
גישטארבין ביא אים אפאטער אדער אמוטער : נון איז שוין נאך
מעריב : נון לאז אים צוא פרידין דער ווייליע ביז דעם דאווגען ·
דיזען אנטווארט האט זיא גיגעבין דעם משרת גאנץ רוהיג אונ
גאנץ גילאסין ווי איינער וואש רעט איבער איינע זאכע וואש
גיט אים בעלאנגט ; אין הערצין אבער האט איר דער בריף מיט
אשווארצע התימה איין ווייער טיפין פיק גיגעבין · דען ווער ווייס
האט זיא ביא זיך אן גיהייבין צוא טראכטין · פיליכט גילט דער
בריף גאר זיינער פרוי · דען זיא איז דאך אויך מער ניט וויא
אמענטש · זיא איז אויך שטערבליך (האט הייסט זיא קען שטארבין)
אונ דאן בין איך שוין מעהר קיין אלמנה :

קורץ דער פון זיא האט זיך אום גיקערט צום טיש מיט
אפיל פריילעכערין הערצין אלס זיא איז אוועק פון טיש מיט איינע
גרויסע האפענונג רייכער · אונ האט דאן גיגעבין דעם גישפרעך
גאר איינע אנדערע ווענדונג (קערונג) זיא האט אן גיהייבין צוא
ריידין מיט אים וועגין זיינע היימליכע אינטערעסין אום צוא דער
גיין צוא האט ער נאך גילאזין צוא הויז אפאטער אדער אמוטער ·
אונ האט אזו אום באמערקט ארום באקומען פון אים צוא וויסין
דאש זיינע ביידע עלטערין זיינען שוין לאנג גישטארבין · אונ
דאן האט איר הערץ גיטאנצט אין איר בוזעם פון פריידין · דאש
זיא האט זיך גיקענט קוים פאסען (זיך איין צוים האלטין) אום ניט
צוא שיקין שוין אשדכן צוא אים · עס וואר איר דיא נאכט איאר
ווער רעם שוין פון שלאפין · פון עסין · פון טרינקען · זיא האט

שוין נאך אין פאראויס גידאנקט דאש ער האט איהר צו גישיקט
איהר באסערטין וואש מען האט איהם פון איהר ענטריסען (אפ גיריסין)
מיידיל-זויים · האט שוין גידיינקט פון איינער נייע גארדעראבע ·
פון איינער שענע ווירטשאפט · ניין אונ אפשר גאר פון ארויש
פארין קיין זאמעט · אונ אזו פון דאש געלט איין קאסירען · פון
אסהר אויף די הייזר · אונ וועלכער פענזיל פון דעם געשיקטעסטין
מיילער איז אין שטאנדע אויס צוא מאלין איהרע גאלדענע פאנטאזיען
דיא גאלדענע טרוימע וואש זיא האט פאנטאזירט אונ געטרוימט
אין דיזער נאכט · דען עם וואר שוין ביי איהר איינע אויס געמאכטע
זאך דאש דער ר' שלמה איז געווארין איין אלמן · אונ דאש ער
איז אין איהר פארליבט אונ פארלאפעט איבער דיא אויערין · נון
פעלט מער ניט דאש אשדכן זאל דא נור איין ווארט צוא לייגין
דאן וועט עם ווערקין אזוי אים ווי איין פונק פייער אויף א קעסטיל
פולווער · אונ זיא בלייבט דיא גליקליכסטע אין דער וועלט דען
אלע מעלות וואש זיא האט פאר לאנגט צוא געפינען אין איינעם
חתן האט זיא דערהערט אין אים · ער איז שיין · איין אסאבע ·
ער איז קלוג · אלמן · אשרייבער · אגרויסער סוחר · רייך · אונ
האט מער ניט ווי צוויא קינדער · אונ וואש זיינען צוויא קינדער ·
„איינער" זאגט דאך אלטער שפריכווארט · „איין קיינער" נון הייסט
עם דאש ער איז נור מיט איין קינד · אונ וועלכע שטיפמוטער
ווערט עם ניט מרוצה אויף איינעם

אינמיטער אזעלכע רעכנונגען · אונ איבער לייגונגען האט זיא
ווייא עס איז איבער לעבט דיא לאנגע נאכט · אונ קוים ווי עס
האט אויס גיטאגט איז זיא שוין ארייך צוא דעם משרת איהרען
אונ האט איהם געהייסין אוועק לייגין דעם בריף ביי איהם אויף
דעם שרייב טישעל · דער משרת אבער האט זיך דער מיט ניט
אזו שטארק געאיילט ווי זיא רבצין וואש האט מיט אום געדולד
ערווארטעט צוא הערין דעם ר' שלמהם ווערטין קלאנג · גישריווא
איינע מייניגע אדרעגע הערצליכע פרויא · אונ וואש עם וואלט

איהר



איהר פיל ליבליכער אונ זיסער קלינגען אלס דיא ערסטע שטימע
פון איינעם ערבסט געבארענעם קינד פאר דיא אויערין פון איינע
מוטער וואש איז איינע גאנץ פאר שפעטע ערבסטלינג · דער משרת
וואש האט ווייא געוועהנליך אגרויסע פעפער · אונ וואש האט
זיך נאך צום אונגליק דיזע נאכט גילייגט גאנץ שפעט דען ער
האט גישפילט מיט אפאר בעלי העגלות אין קארטין ביז צוויא
דעם זייגער · האט זיך באלד נאך דער רבצים אוועק גיין פון
אים אום גיקערט אויף דער אנדערע זייט אונ האט אשלאף
געטאן ביז גיין דעם זייגער · אונ דאן האט ער שוין דעם ר' שלמהן
פאר זאמט · דען ער איז אוועק געפארין אויף אפאר טעג ווייטער
האנדלען איינע געשעפטין · דער יונג האט אפילו גיהאט פון איהר דער
פאר הנאה קאפ · דוא יונגאץ האט גוא זיך צוא אים אפ גירופין ·
אהוי אין דיין טאטען · דוא האסט אין זיך קיין אידעש גליד · ווייא
האסט דוא עס ניט פארט נאך אין הערצין · ער האט דאך שוין
גיקאנט היינט אין דער פריא דער קאנקען זיין פאטער אדער זיין
מוטער מיט דעם ערסטין קדיש · נור אבער וואש העלפט עס
שרייא היינט שרייא מארגין · זיא האט גימוזט צוא ברייגגען דיא
צוויא טעג אין אזו אקנאל ווייא דיא ערסטע נאכט · דען איין
אום געוויסער גליק בעאונרוהיגט נאך פיל מעהר אלס איין אום
געוויסעס אום גליק · אויש גרויס לאנג ווילע האט זיא אפ גינומען
דעם בריף פון דעם משרת מיט דעם אנגם רייד דאש זיא וויל זיך
שוין ניט פאר לאזין אויף אים אונ וועט אים שוין אליין זייער
געשיקט צו רעכטער צייט אריין שפיקען אין האנד · אונ האט אים
פופצעהן מאל איבער איילע גשטעלט געגן שיין אום האצבי איין ווארט
דורך צו קוקן וואש זאל איר גאנץ בעשטעטיגען · צום אומגליק וואר
דר קאנווערט זייער דיכט · האט קיין שטראל האט אים ניט גיקענט
דורך דרינגען · אונ האט זיך אין דיזע צוויא טעג גיענדערט אונ
גיעלטערט ווינא אין איצר · אונ גראדע אין אזו אצייט וואש מען
וויל אויש זעהען נאך מיט צעהען יאר איינגער דאש הייסט אין

אזוא

אזוא איין צייט וואו איין חתן איז בייא דער מיר :

אונ עס וואר אלס זיא האט זיך שוין מיט דעם בריף גאנץ זאט אן געשפילט · אונ אומזיסט גיבלענדעט דיא אויגן צוא ארויס צוא באקומען פק אים איין עטוואס · האט זיא אים אנידער גיליינט אויף דעם שרייב טיש אין אזו אלאגע דאש ער זאל אים באלד דער זעהען מיט דער שווארצע חתימה ארויף · אונ האט ערווארטעם זיין קומען מיט גרוים אונגעדולד · צום אונגליק האט ער זיך נאך איין עטוואס לייגער פאר זאמט · דען ער האט גיזאלט אין דער פריא קומען אונ ער איז ערסט גיקומען פון אווענד אונ דאן האט זיא זיך פאר שטעקט אין איינעם אלקער וואש אפאר מאכטע מיר פון אים איז אריין אין זיין צימער וואש מען האט גיקענט דורך איר הערין דעם מינדעסטין ווארט וואש ווערט גישפראכין דארט · אונ האט אזו גיהערט נאך מעהר וואש זיא האט געווינצט צו הערין · דען באלד וויא ער האט אויף גיבראכין דעם בריף האט ער זיך אוואָרף גיטאן אויף דער ערד אונ האט אן גיהייבין צוא קלאגין צוא וויינען אונ האט גישריען מיט קולי קולות · א מיין מיערע ליבע האנא · מיין לעבין · מיין אויג אין קאפ · מיין שטאלץ · מיינע פריידע · מיין קרוין · וואש טויג מיר מיין לעבין וואש בין איך גיבליבין אן דיר · אשיף אן ארודער · אגרוישער יתום · איין רייכער יורד · אמעסער אן אקליגנ וואש פעלט אים אשטיל · א וויי איז מיר מיינע יארין אויף אזו איין העלעשין גיבין פייער האב איך מיר גאר נים גערעכנט :

קורץ דער פון ער האט איר באוויינט מיט אזעלכע רידענדע אונ צערטליכע ווערטער · דאש אלע האבין מיט גיוויינט מיט אים · דען עס איז אויף גילאפין אויף זיינעם לארעם זייער פיל מענטשין · אונ האט נים אויף גיהערט צוא קלאגין ביז ער איז גיבליבין אן כוחות אונ האט שוין נים גיהאט קיין קראפט מער צוא שרייען · אונ דיא רבצע וואש האט גיקוואלין עס הערענדיק האט זיך אפ גיחאפט אין דיזע קליינע צייט אזו וויים דאש זיא

האט



האט אפ גינומען מים פראצענט צוריק וואש זיא האט פאר לארין פון איר געזיכט אין די פאריגע דרייא טעג · דען זיא איז גיווארין פיל דיקער אונ רויטער אלס פריער · נו פאר שטייט זיך דאש זיא איז באלד אריין צוא אים אום אים איין עטוואס צוא בערוהיגען · אונ אזו אויך אנדערע הויז מענטשין · אורחים · אונ דאן האט דער ר' שלמה אן גיהייבין צוא דער ציילין די שבחים פון זיינער פרויא · אונ האט אן גיהייבין איבער נייעס צוא באדויערין איר · אגאנץ שבעה וואר ער וויא אונטערין וואגט · נאך שבעה איין עטוואס רוהיגער · דאך האט דיזע בייזע בשורה גימאכט אויף אים איינעם זייער שלעכטין איינדרוק דאש ער איז גיווארין אונפאס דאש ער האט זיך גימוזט גאנצע צוויא וואכין פאר האלטין צו בעט · אונ דיזע צייט האט אונזער רבצע פאר שטאנען זייער גוט צוא בענוצין · ערסטענס האט זיא גיהאט איינע גוטע גילעגענהייט צוא מאכין זיך אים זייער גיפעליג דורך דעם וואש זיא האט אים אין זיינער קראנקהייט זייער גוט צוא גיזעהען · צווייטענס האט זיא אן גישיקט אויף אים בקאנטע איבער בקאנטע · דער ווילע האט דיא צייט וואש היילט אלע וואונדין אונ ווישט אלע טרערין דאש איהריגע אויך גיטאן דער בייא · דאש ער האט זיך גילאזט רידין · אונ אזו נאר איין רידין דאש ער זאל פאר בלייבין צוא ליב דעם רא נאך אפאר וואכין אונ עס איז לסוף מיט אים שוין אזו וויים גיקומען דאש ער זעלבסט האט מודה גיוועזען דאש דיא רבצע איז איינע ריכטיגע קאפיע פון זיינער פארשטארבענע האנא איר צוא לאנגע יאר · אונ האט בדעה מיט איר צוא מאן באם זיא ווערט זיך באשליסין ארוים צו פארין מיט אים אין זיין שטאט ווייל ער וויל נים איין לאזין דארט זיינע גוטע געשעפטין אום צוא בלייבין דא נור איין בעל אכסניא · זיא איז באלד דיזע בעדינגונג באלד איין גינאנגען וויא אויך עס וואר איר באלאבט איר פרנסה · דען וואש טוט מען נים אום נור

איינען

אײנען לײטעשען מאן צוא באקומען · אונ האבין אזו בײדע חופה גיהאט למזל ׃

באלד נאך דער חופה האט זיך אונזער רבצע אן גיהייבין צוא צו קלײבין זיך אין וועג ארײן מיט איר מאן · דאש הײסט זיא האט אן גיהייבין אהוים צוא ציהען אירע צוא זײטע אונ צוא שפרײטע קאפיטאלין וואש וואירין פערליהען אין פרעמדע הענט · האט אן גיהייבין צוא מאכין צוא געלט מאנכע חפצים אונ כלי בית וואש זיא האט בײא גיקענט נעמען מיט זיך · האט זיך אויך גינומען דיא הײזער צוא פאר קויפין אונ דאהער האט גימוזט דער ארויס פארין גיווארין באלד גאנצע צוויא חדשים ׃ אין וועלכע אונזער ר' שלמה איז דער ווײלע אפאר מאל אהײם גיפארין אונ צוריק גיקומען וועגין זײנע גישעפטין ׃ אונ וואש אין זײא האט די שטוב צוא גירוט פון דיא פאצעטעליאגען וואש האבין גיבראכט צו אים בריף ׃ געלעבט בשעת ער וואר ניט אין דער היים · אונ אלס זיא האט אים נײעגיר באנגע פון זײא גילאזט קינסטלאך אראפ נעמען דיא זיגלען אום צוא ווישין וואש אין זײא שטײט · אונ דער נאך ווידער פאר זיגלען וואר זיא אויסער זיך פאר שמחה · דען זיא האט אין זײא דער ווישט פיל מעהר אלס זיא האט זיך פאר גישטעלט · אזו אז אין אײנעם פאר גיקומען אײן פארשלאג דאש ער זאל אן נעמען אמרוישין וואלד וואש עס שטײט אין אים צוא פאהרען נעהיסע צעהען טויזענד רובל · אונ דער פארלײגער וויל מיט אים אין דיזען עסק שותפות מאכין · אונ צײלט דיא טעג ווען ער זאל שוין קומען · אין אײנעם צווײטען בריף וואר ער אן גיפרעגט צוא נעמט ער וועלין לײען פינף טויזענד · עקבלאך קינדערשע געלט אויך צעהען פראצענט · אין אײנעם דריטען בריף וואר אײן שרײבין צוא אים נאר איבער תורה זאגין · אין אײנעם פערטין בריף קומט נאר פאר אײן גרויסער שידוך פאר אים · מיט נאר דיא יחוס ׃ מיט נאר דיא פײנקײט אונ מיט נאר דיא פעק געלט ׃ דען דער שרײבער פון דיזעם בריף האט נאך אפנים ניט ׃



ניט גיוואוסט דאש ער האט שון חתונה גיהאט · אונ זיא האט זיך גישאצט אזו העכסט גליקליך דאש זיא האט אים שון ארײן גיהאפט · אונ פלעגט זיך צוא פרײען בײא זײנעם יעדען מאל קומען צוא איר פון וועג וויא אין דעם טאג פון דער חופה · אונ האט אים שון אנטקעגין גיטראגין הויפענונגיס דוקאטין · אונ האט נאך גידאנקט דאש ער האט עס צוא גינומען · דען ווער נאך אין דער וועלט וואר גליקליכער אין זײנעם גליק וויא זיא וואר אשפאס א מאן אנגיד אסותר אלמן אחכם · אונ האט אזו דיא צוויא מאנאטע נאך דער חתונה פאר לעבט בײא איר וויא דער כולמאן אין זײנעם חאלעם ׃

פאר דיזער אפ פארין פון דאנען האט זיא גימאכט א גרויסין מאלצײט פאר גוטע פרײנד פאר קרובים אונ מעהר וויא האלבע שטאט האט זיא באלײט · דיא רײזע ביז טעלז וואר מעהר אלס הונדערט פופציג מײל · עס וואר יענען צײט דיא וועג וואר קויטיג אונ שלעכט · דער צוא נאך וואר מען שווער באלאסטעט · דען זיא האט גיפירט מיט זיך אײנע גרויסע מײעהע ווירטשאפט דאהער האט דיזע רײזע גיווערט בענאהע פיר וואכין · ביז האלב וועג וואר זיא נאך פאלער פרײדע · אונ האט זיך געאײלט צוא קומען שון אויף אײן ארט אין שטעלע ׃ אויף דיא אנדערע האלבע רײזע האט זיא אן גיהייבין צוא ווערין שון ביסלעכווײז מיט מוטהיג · ערסטענס האט אויף איר גייסט געווירקט ליטהוישער לעבענס ארט · צווײטענס ווייל זיא האט אן גיהייבין צוא מערקען פאראן חיים דאש איר מאן איז עפעס ניט דאש וואש זיא האט גימײנט פון אים ביז אהער · ערסטענס איז ער צו פיל מחותן מיט אשנאפס ׃ צווײטענס זאגט ער זיך אונטער צײטעמווײס גלײכווערטלאך וואש ניט פאסען פאר אזו א שטאנד פון וועלכין ער האט זיך געצײגט פאר איר ביז אהער · דריטענס איז איר ניט גיפעלין זײנע באקאנטשאפט אונ זײן פרײנדליכעם בענעהמען מיט אײניגע אירע באקאנטע שכנים וואש זיא האבין זיא אן גיטראפין עטליכע מאל

אונטער

אונטער וועגינס · ווי קומט ער צו זיי · און ווידער וואס האבין די צו מאכין דא אין ליטע · נו כוזין זיי פאר געווים עפעס מיט אים אין שפיל גיוועזן מכח דיזעם שידוך · און זייען אים אזו נאך ווי דער שאטאן דעם שמאק · דאך ביי אלעם דעם האט זיא נישחוינין און האט זיך אליין געוואונדערט דאס עס איז גאנץ אום בעדייטענד · אסוחר אין וועג איז גאר איין אנדער מענטש · מען מוז מאכין אגוטין שנאפס · מען מוז זאגין איין אום ריינעם גלייך ווערטיל אויך · און מען מוז זיך פריינדליך באשפרעכין מיט אזעלכע מענשין וואס מען איז גאר ניט זייער גראד זעלבסט איין קייזער אין וועג איז אויך ניט דאס וואס ער איז אין דער היים · עס קומט צו אים צו דער קלענסטער ::

קומענדיק אבער שוין אמייל צעהען פון דער שטעטיל וואו ער וואוינט ווער זיא ווי גיפלעהט אלס זיא האט דער הערט ווי עם זאגט די ראנדאראקע פון דער קרעצמע וואו זיי האבין זיך אפ גישטעלט פיטערין · זאגט צו איהרען מאן , א שאדין ר' שלמה · וואו האט איר איך אום געדרייט אזו אצייט · איר האט דא דער ווייל פאר לארין צוויא גנידעשע התונות · איר האט דא גיקענט חאפין ארובעל צוואנציג · עס מעג עס ארין פאלין אין טיפין ים וואס די מחותנים האבין איך גיוואונצין פאר וואס איר זייט ניט גיוועזן אין דער היים · דען זיי האבין דעם איצקן קעלייקעסקער גאר ניט גיקאנט הערין · דען ער האט גיפלודערט ווי איין שיכורער פויער ::

ער איז גיווארין דער ביי רוים געבענדיק אוואונק צו דער ראנדאראקע דאס זיא זאל שווייגין · און די רבצע איז גיבליבין הערינדיק דיזען שמועות ווי געלעמט פון שרעק דאס זיא האט ניט גיקענט עפענען די מויל אום אים צו פרעגין וואס איז עס פאר ארייד און איז גיבליבין זיצין ווי אשטומע די גאנצע צייט פון זייער פיטערין זיך דארט · און האט ערשט גיפונען די שפראכע אלס זיא האט זיך ארין גיזעצט מיט אים אין וואגין „זייא וויסין

מיין



מיין מאן" האט זיא זיך דאן אפ גירופין צו אים · שוין פון האלבין וועג אן איז מיר מיין הערץ ווי מיט טרויער אן גיגאסין ווייל איך האב גיזעהען פון דיר אזעלכע שטוצקעס וואס דאס פאסט גאר ניט פאר אזו איינעם ווי דו האסט דיך פאר גישטעלט פאר מיר · און האב עס אלץ פאר קוועצט אויף מיינעם הערצין · נון אבער אלס איך האב גיהערט דעם שמועס פון דער ראנדאראקע צו דיר · בין איך שוין צו קורץ גיקומען מיט מיינעם געדולד · איך וויל וויסין וואו בין איך מיט דיר אין דער וועלט · צו בין איך פון דיר בעטראגין · דער ווייסט ווער דו ביזט ;

„מיינע ליבע רבצע" האט ער זיך אפ גירופין צו איר · דיזע פראגע דיינע איז גאנץ איבעריג און צו גלייך צו שפעט · איבעריג איז זיא ווייל מיר וועלין נאך אין אפאר שטונדען זיין שוין אין דער היים וועסט דו מיט דיינע אויגין זעהען וואו דו ביזט אין דער וועלט · און צו שפעט איז זיא ווייל דו וועסט זיך זעלבסט מיט דעם וואהרענכטין אנטווארט מיינעם ניט קענען העלפין · און ביי אלעם דעם קען איך דיר שווערין דאס איך בין אמפורסם אין דיזעם גאנצין געגענד צוואנציג מייל אין דער רונדע · און וואס די ראנדאראקע האט מיר גיזאגט · איז עס גראדע גישפראכין צו מיינעם פארמיהל (נוצען) דען אויף ארייבע חתונה מאך איך צו זאמען גרוישע נדבות · איך שווער דיר מיינע ליבע דאס איז וואהר ווי איך לעבע · אונטער אזעלכע דונקעלע גישפרעכע פאר שטעלטע פראגען און אנטווארטען · מיט וועלכע ער האט איר געמיטהליין איין עטוואס גיקילט זיינען זיי אן גיפארין לעבין איינע אלבע שטוב וואס איז גישטאנען אשטיק פאר דער ראנדאמקע פון שטעטיל · זיי האבין זיך דארט אפ גישטעלט · דען ער האט דארט גיוואונט · פון דרויסין האט זיא אויש גיזעהען גאנץ ארעם · און אינווייניג נאך פיל מער עלענדער · און אלס די רבצע איז ארין אינווייניג האט זיא שוין ביי דעם ערשטין טריט פאר שטאנען דאס איר מאן איז דאס ווירקליך

פאר

פאר וואס זיא האט איהם דא ניט לאנג חושד געווען : דאס הייסט אברהן : דען זיא האט דערוויסט דארט אויף דיא וועגנט היינגט אבאנגדאס אפייקיל : אמאסקע מיט אצינגענע באדר : איינע אלטע סאבלע : איין אווארסקער קיווער : מיט נאך אזעלבע לאכמאנעס : דער צוא נאך דער גאנצער קליפער געצייג צוא דער מאשען שפילעריא : דער צוא נאך האט זיא דער זעהען אהאלבע טוץ האלע פופקעס : קליין ווארג : אונ דער צוא נאך דעם גאנצין צוגעהער (קאליבער) פון דער העכסטע ארמוטה אין דער וועלט : האט זיא אן געהייבין צוא חייבען : אונ שלאגין זיך קאפ אן וואנט : אבער וואס העלפט עס : דער אלטער שפריכווארט זאגט נאר בלייבט נאר אונ מכה בלייבט מכה : ער האט איהר צוואר באטראגין : זיא איז אבער געבליבין זיין ווייב אונ לעבט נאך עד היום מיט איהם איהר פריינדליך :

...טן הערלין מיר אונז ערקלערין דאריבער איין עטוואס דייטליכער : דיזען שטריך : (שטיקע) האבין איך געשטעלט דיא שהכנים וואס ווארין אויף איהר העכסט אויף געבראכט : וואס זיא איז בייא זיך אזוי "איין צא טא יא" דאס זיא קען זיך גאר קיין שידוך צוא קלייבין : דאס האבין זייא אויש געזוכט איינעם געהייסין שלמה אברהן וואס וואר איין אלמן : אונ דער צוא איינע גאנץ שיינע אסאבע : האבין איהם אויש געלערינט דיא ראלע וועלכע ער דארף דארט שפילין : אונ האט זיא ווירקליך זייער גוט אום געשפילט : אונ האט דיא הבצען באקומען מיט אגרוים פערבעטענין : דיא שהכנות אונ דיא הוצאות וואס זייא האבין איהם געצאהלט אום איהם צוא שפילין דיזע ראלע : האט ער זייא ערסט באצאהלט אונטער הערינגס אלס ער האט בייא איהר שוין דעם טראסין באקומען אונ דאס וואס דיא באנגעגעם מיט זייא אויף דעם חתנה אויך האט ער ניט פאלש געשווארין דאס ער איז אגרויסער מפורסם דען ווירקליך ווא ער איין וועלט בארימטער בדחן באלד אבער נאך דער חתונה האט ער דיא בדחנות אוועק

געווארפין



געווארפין אונ איז געווארין איין גראנדאר גאן שטעטיל : אונ עס האט איהם אן געהייבין צוא גיין זייער גוט : אונ עס גייט איהם גוט נאך עד היום : אונ זיא איז מיט איהם צוא פרידין : דאך פאר דער וועלט איז געבליבין א געשיכטע צום לאכין : אונ מען לאכט נאך עד היום : אזוינס אבער האט געקענט געשעהען נור בעפאר עס ווארין אייזענבאהנען אונ טעלעגראפען וואס לוג אונ טרוג וואר איין גוטער ווערק צייג אין שדכנישע הענד וואס האבין געקענט צוא זאמען ברענגען אוואנט מיט אוואנט : אבער שוין ניט היינט וואס דיא גאנצע וועלט איז איין שטאט : אונ מען ווייס יעדען מענשין וואס ער איז אונ וואס ער האט :

„דער שדכן אויף דעם רומפעל"

חיא עס איז באקאנט צוא אונזערע אידעשע וועלט ווערט ארומפעל געמאכט נור פאר פרויען : זייא זיינען בייא איהם דיא שטאמגעסטע (דיא הויפט געסטע) דיא מאנעם לייטע וואס קומען צום רומפיל זיינען על פי רוב אום געבעטענע געסטע אונ זעהען דארט אויס ווי דיא אוצעניקעס וואס זיינען נור וואלגע בעלהאמעלעס : דען עס קומען נור אזעלכע וואס זיינען נאך שולדיג מזל טוב אפ צוא געבין : דאס וואס ווארין ניט צוא דער חופה : ניט צום אויף רופין : אדער גלאט פאר געסענע צוא בעטין אויף דער חתונה מיט פליים אונ מען פאר געסט זייא דעם פנים מיט דיא פאדאנגקעס וואס בלייבט פון דער שמחה : אונ בייא אלעם דעם פעלט דארט קיין מאל דער שדכן פון דיזער פארטיי אום אפ צוא עסין דעם חלק פון תנאים ווייל ער איז דאן אלע מאל באהאלטין דען ער האט קיין מוטה צוא שטיין דער בייא אלם ביידע צדדים ווערין געוואר פון זיינע ליגענס :

נון האב איך אמאל געהאט דיא עהרע צוא זיין אויף אזו ארומפעל וואס דיא מאנעם לייטע ווארין אויף גענומען אין א קליין ציםער וואס דארט וואר נור איין פענסטער א קליינער אונ לעבין

איהם